בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪מיר מאכן רויטע לינזן

**דינסטאג:** אין די פרשה פון תולדות לערנען מיר וויאזוי יעקב אבינו האט געקאכט פאר זיין טאטע רויטע לינזן זופ, און צום סוף האט דאס עשו אויפגעגעסן. מיין רבי האט אונז געזאגט אז היינט וועלן "מיר" אליינס אויך מאכן רויטע לינזן זופ. וויאזוי? מ'האט אריין געברענגט אין אונזער חדר קליינע באטעלעך, און רויטע דשעלא"ו און ליקעריש. מיר האבן צושטיקעלט די ליקעריש אויף קליינע שטיקעלעך, דערנאך האבן מיר זיי דאס אריין געלייגט אין די רויטע דשעלא"ו. עס קוקט אויס אקוראט ווי "רויטע לינזן זופ". עס איז ווערד געוועזן צו זעהן אונזער שיינעדיגע פנים פון פרייד ווען מיר האבן געארבעט מיט די רויטע לינזן זופ.

**וועז די מאמע האט געפרעגט ישראל'לי דינסטאג ביי סאפער: ישראלי דארפסט אביסל פיינע זופ וואס מאמי האט היינט געמאכט? ענטפערט ער מיט ערנסקייט: "ניין, איך האב שוין רויטע זופ"...**

## ✪יעקב און עשו

**מיטוואך:** מיר גייען אריין אין לאנט"ש רום מיט צוהאלטן די פראגראם פון די וואך.

ווילאנג אלע קינדער קומען אריין אין עס-זאל, זינגען מיר דערווייל א שיינע ליד פון "א איד צו זיין איז טייער א איד צו זיין איז גוט יעקב פירט זיך אויף ווי א ערליכע איד" א איד צו זיין איז טייער א איד צו זיין איז גוט, יעקב פירט זיך אויף ווי א ערליכע איד". **הערשל לאנדא** נ"י שרייט אריין "דעי ניגון גייט נישט אזוי" נאר ער זינגט עס בעסער אין די מייק "א איד צו זיין איז טייער א איד צו זיין איז גוט, לאמיר אלע טאקע זיין א ערליכע איד.... אבער מ'קען עס זינגן אנדערש אויך אויב מ'וויל... יעצט זענען שוין אלע קינדער דא, און מ'הויבט אן דערציילן די סדרה פון די וואך. די סדרה הייסט תולדות די קינדער. וועמענס קינדער? פון יצחק און רבקה. יצחק און רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער האבן זיי געדאווענט צו דעם הייליגן באשעפער. **שמוא' זאנוויל בערגער** נ"י און **משה גאלדבערגער** נ"י ווייזן פאר אלע קינדער וויאזוי יצחק אבינו איז געגאנגען ביי איין זייט פון די הויז, און רבקה איז געגאנגען צו די אנדערע זייט פון די הויז, און זיי האבןביידע געבעטן "הייליגע באשעפער העלף אונז מיר זאלן האבן קינדער". מיר זעהן צוויי שטובער, אין איין שטוב וואוינט יעקב, און אין די אנדערע וואוינט עשו הרשע. עס עפענט זיך איין שטוב און מיר זעהן וויאזוי יעקב אבינו, **יוסף ישראל בערקאוויטש** נ"י זיצט אין געצעלט און לערנט פלייסיג די הייליגע תורה. מיר האבן צוזאמען געזינגן און געקלאטשט לעבעדיג די שיינע ניגון פון "ס'איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה מער ווי אלע גאלד און זילבער".. יעצט קומט די רייע צו זעהן וואס עשו טוט א גאנצן טאג. מיר זעהן וויאזוי עשו אנגעטוהן מיט א מאנטל וואס האט בילדער פון אלע מיני חיות (א יישר כח פאר מו"ה יצחק גרינפעלד הי"ו וואס האט אונז צוגעשטעלט עשו'ס בעקיטשע...) מיר זעהן אז עשו וויל נישט לערנען די הייליגע תורה.

ער וויל זיך נאר שפילן א גאנצן טאג....

אזוי פירט זיך אויף א עשו הרשע... מיר זעהן אויך ווי עשו שיסט חיות אין פעלד און ער ווערט זייער הונגעריג און מיד....

עשו קומט אן אהיים. זעהן מיר וויאזוי יעקב אבינו שטייט אין קאך און גרייט אן רויטע לינזן פאר זיין טאטע יצחק. עשו קומט אריין ער בעט נישט שיין אזוי ווי א ערליכע איד דארף בעטן, "זיי מוחל געב מיר", אדער "איך בעט דיך געב מיר אביסל רויטע זופ". ניין, ער שרייט "איך בין הינגעריג... יעקב גיס אריין די רויטע לינזן אין מיין מויל אריין. ער לייגט זיך אריין אין די בעט... און יעקב גיסט אריין די רויטע לינזן.

נאכדעם זעהן מיר די מעשה פון די ברכות. מיר זעהן יצחק - **משה אלי' ראזענבערג** נ"י איז שוין אלט און ער קען נישט זעהן. ער רופט עשו'ן ער זאל אים ברענגן צו עסן. מיר זעהן וויאזוי מ'טוט אן פאר יעקב האר פון ציגן (א יישר כח פאר המלמד החשוב הר"ר משה גפן פארן צושטעלן די שיינע פעל") און ער ברענגט אריין פאר זיין טאטע "מצות, וויין, און ציגעלע פלייש. יצחק טאפט אים ארום צו זעהן אויב ער איז טאקע עשו, ווען ער פילט די האר זאגט ער אז עס קוקט אויס ווי עשו, אבער רעדן, רעדט ער פונקט ווי יעקב אבינו, און ער האט אויפגעגעסן די פיינע זאכן וואס יעקב האט אים געברענגט. יעצט זעהן מיר וויאזוי יצחק בענטש יעקב אבינו אז ער זאל האבן אלע גוט זאכן פון דעם הייליגן באשעפער. ווען יעקב איז ארויס געגאנגען, קומט צו גיין עשו הרשע. און וואס האט עשו געברענגט פאר זיין טאטע צו עסן? יא, דאגי פלייש האט ער אים געברענגט... און ווען עשו האט געהערט אז יצחק האט שוין געבענטש יעקב אבינו האט ער אנגעהויבן וויינען אז מ'זאל אים אויך בענטשן, און ער איז געווארן זייער אויפגערעגט אויף יעקב אבינו, ער לויפט אים נאך און וויל אים כאפן... יעקב אבינו איז אנטלאפן ווייט ווייט אוועק. וואו? וועט מיין רבי מיר דערציילן אי"ה קומענדיע וואך. אבער איין זאך מוזן מיר געדענקן אז מיר מוזן זיך אלעמאל אויפפירן נאר אזוי ערליך און וואויל, אזוי ווי א יעקב אבינו.

## ✪מיר שיקן אהיים די סדר התפלה

עס מאכט זיך אמאל אז ס'איז נישטא קיין חדר צב"ש א שני' טאג אדער אפי' שבת ווען עס איז נישטא קיין חדר, און איר ווילט דאווענען מיט אייער קינד, אבער איר ווייסט נישט וואס און וויפיל זיי דאווענען אין חדר. דערפאר שיקן מיר די וואך אהיים די סדר התפלה, יעדער חדר לויט וויאזוי זיין רבי דאווענט מיט די קינדער, אזוי וועט איר וויסן וואס אייער אינגל דאווענט אין זיין חדר. מיר האפן אז דאס וועט צוניץ קומען פאר די חשובע עלטערן שיחיו

**הנהלת הקינדערגארטן**
**וואונטשט א הערצליכן מזל טוב**
**פארן חשובן מנהל פון שכר לימוד אפיס**
**מו"ה חיים קארנבלי הי"ו**
צום אפשערן פון זיין אייניקל
**הילד משה מאיר אונגאר נ"י**
**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת**
**פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך**
**מתוך נחת והרחבת הדעת געזונטערהייט עמו"ש**

# זיסע חכמה'לעך

**אברהם'לע מארקאוויטש** האט זיך איין טאג ארום געדרייט מיט א הוט. ווען מ'האט אים געפרעגט אויב ער איז א טאטע? האט ער געענטפערט: "יא, און איך גיי שוין אין קינדערגארטן"... עס האט אונז געקאסט א לאך....

חול המועד ביי די זאא, האט **ישראלי ברוין** געזעהן א לייב דרייט זיך אהין און אהער אונו לויפט פון איין זייט צו די אנדערע אן קיין שום ציל. , האט ער געפרעגט זיין מאמע, "מאמי, ער רעדט אויפן סעלפאון? ווען מ'האט אים געזאגט אז ניין, זאגט ער "אבער אזוי זעהט מען אויס ווען מ'רעדט אויפן סעלפאון"...

נעכטן ווען מאמי האט געזאגט פאר **נפתלי יודא לעווי** אז זי גרייט אן סאפער. האט ער געזאגט "מ'דארף אויך אנגרייטן סאפער פאר די קעמעלעך"...

**מרדכי אהרן בראך** האט גענומען מאנדעלן און געמאכט א ברכה "בורא פרי הפינאטס".... ס'געפעלט אים זייער דיווארט פינאטס.

**זושא'לע שמיאע** האט דערציילט פאר זיין זיידע אז ער איז געפארן אויף א שיינע טריפ זעהן קעמעלעך. אבער "זיידי", זאגט ער, "קיין איין קעמל איז נישט געווען כשר, זיי האבן נישט א מויל שלאס"...




**אברהם'לע פריינד** האט א דאגה. יעדעס מאל ער קומט אריין אין הויז פרעגט ער "וואו איז די וואלקן פון אונזער הויז?"....

פרייטאג צו נאכטס האט **דוד יעקב'לע פעדערס** טאטע געזאגט: מ'גייט זונגען שלו' עליכם פאר די צוויי מלאכים. רופט ער זיך אן: "פאר די דריי מלאכים"...

ווען **אברהם'לע** האט געהערט א טעיפ וואס ס'גייט, אז ס'איז א "דרשה", האט אברהםל'ע מיך געפרעגט "ער איז א רשע?"....

**פישי כ"ץ** זאגט פאר זיין מאמע אז: "נעכטן איז נישט געווען נעכטן" מיינענדיג צו זאגן נעכטן האט נישט געהייסן נעכטן ווייל נעכטן איז געווען היינט, נאר היינט קען מען זאגן נעכטן"....

מ'האט געפרעגט **שמוא' מאיר** (פרי נורסערי) וואו האט מען באהאלטן די באבע שרה? זאגט ער: "אין די שרה'ס המכפילה"...

**בערעלע טירנויער'ס** מאמע האט ארום געזוכט זיין שיך אין די גאנצע הויז. ביז זי רופט זיך אן, בערעלע וואו איז דיין שיך? זאגט ער "אויף מיין פוס"...











## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**חיים קליין נ"י**
**בן מו"ה משה הערש הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט



מזל טוב
הילד היקר
**יונה ראטענבערג נ"י**
**בן מו"ה יואל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט



מזל טוב
הילד היקר
**גרשון פעלבערבוים נ"י**
**בן מו"ה זלמן לייב הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט



**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידש נחת געזונטערהייט עמו"ש**